בעזרת השם יתברך



# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת וירא
י"ח מרחשון
שנת תשפ"ג לפ"ק
שנה 4, גליון 5
(92)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת דְּבָרִים, שַׁבַּת חָזוֹן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א. אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶונֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יב, מִבַּעַל תְּפִלָּה.

בְּתוֹךְ הַדְּבָרִים הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶערֶעדְט אַ לֶענְגֶערֶע שְׁמוּעֶס וֶועגְן לֶעבְּן מִיט תַּכְלִית, אוּן נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן קַיין מֶענְטְשְׁן.

### מַיין בֶּעסְטֶער חַבֶר...

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעזָאגְט: עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וִוי 'חֲבֵרִים', מֶען קֶען קֵיינֶעם נִישְׁט טְרָאסְטְן, מֶען זָאל נִישְׁט פַארְבָּארְגְן קַיין קְרֶעדִיט קַארְדְס אוּן נִישְׁט חַתְמְ'נֶען עֲרֵבוּת פַאר אַ צְוֵוייטְן, אֲפִילוּ פַאר דֶעם בַּאגְלֵייבְּסְטֶער מֶענְטְשׁ.

אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט דָא דֶערְצֵיילְט בָּרַבִּים, עֶר הָאט אִינְוֶועסְטִירְט הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער דָאלַארְן אִין אַ גֶעשֶׁעפְט, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט: 'דָאס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מֶענְטְשְׁן, רֶעדְט מֶען פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס וֵוייסְן נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען אִינְוֶועסְטִירְט, אָבֶּער אִיךְ וֵוייס יָא'... אוּן עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ פַארְלוֹירְן דִי גַאנְצֶע גֶעלְט, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אַ שִׁיעוּר הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: **"אוֹיבּ דוּ וֶועסְט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְּמָרָא וֶועסְטוּ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף אַלֶעס קֶענֶען צוּרִיק בַּאצָאלְן"**, בָּרוּךְ ה' עֶר הָאט גֶעהַאט הִתְחַזְקוּת, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם דַף, אוּן עֶר הָאט אַלֶעס בַּאצָאלְט, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר נָאכְאַמָאל אָנְגֶעהוֹיבְּן אַוֶועק לֵייגְן גֶעלְט, עֶר הָאט אַוֶועק גֶעלֵייגְט אַ מִילְיָאן שֶׁקֶל, אִיז זַיין בֶּעסְטֶער חַבֶר צוּגֶעקוּמֶען אִים בֶּעטְן עֶר זָאל זַיין אַן עָרֵב נָאר פַאר אֵיין וָואךְ... עֶר הָאט אוּנְטֶער גֶעשְׁרִיבְּן, אוּן יֶענֶער אִיז אַנְטְלָאפְן... יֶעצְט דַארְף עֶר בַּאצָאלְן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט דָאס גֶעלְט נֶעמְט מֶען אִים יֶעצְט צוּ זַיין הוֹיז אִין יְרוּשָׁלַיִם.

אַז אֵיינֶער בֶּעט דִיר **"בָּארְג מִיר טוֹיזְנְט דָאלֶער"**, **"זַיי אַן עָרֵב אוֹיף טוֹיזְנְט דָאלֶער"**, זָאלְסְטוּ אִים בָּארְגְן אוּן וֶוערְן אַן עָרֵב - לוֹיט וִויפִיל גֶעלְט דוּ וָואלְסְט גֶעוֶוען גְרֵייט אִים צוּ 'גֶעבְּן פַאר צְדָקָה'. אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אַיין 'דֶער אִיז מַיין בֶּעסְטֶער חַבֶר, פַאר אִים קֶען אִיךְ בָּארְגְן', נָאכְדֶעם לוֹיפְט יֶענֶער אַוֶועק, עֶר בַּאגְרָאבְּט דִיר אוּן בַּארֶעדְט דִיר.

### בָּאבְּל פוּן חֲבֵרִים

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעזָאגְט: אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט אֵיין חַבֶר - זַיין וַוייבּ; אִין דִי שְׁפֶּעטֶערֶע יָארְן וֶוען מֶען אִיז שׁוֹין עֶלְטֶער, עֶס טוּט זִיךְ שׁוֹין אִין שְׁטוּבּ, דִי וַוייבּ דַארְף בִּיגְלֶען אוּן צַאמְלֵייגְן וֶועשׁ בִּיזְ'ן דַאךְ, דַאן אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ אַז מֶען קוּמְט נִישְׁט אַהֵיים אַזוֹי פּוּנְקְטְלִיךְ, אָבֶּער יוּנְגֶערְהֵייט וֶוען עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט דָא וָואס צוּ טוּן אִינְדֶערְהֵיים, דִי וַוייבּ אִיז נָאכְנִישְׁט אַזוֹי פַארְנוּמֶען, שְׁטֵייט דִי וַוייבּ אוּן וַוארְט יֶעדֶע מִינוּט 'קוּם אַהֵיים', טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְפִירְן פוּן 'בֶּעסְטֶע חֲבֵרִים' וָואס פַארְבְּרֶענְגֶען דִי טֶעג אוּן נֶעכְט.

אַ אִינְגֶערְמַאן מֵיינְט עֶר הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ פֶּעסְטֶע גְרוּפֶּע חֲבֵרִים וָואס דָארְט רֶעדְט מֶען נִישְׁט סְתַּם זַאכְן, דָארְט רֶעדְט מֶען פוּן גָאר וִויכְטִיגֶע זַאכְן, פוּן דִי וַואלְן אוּן פָּאלִיטִיק... אוּן זַיין וַוייבּ רוּפְט אִים: **"קוּם אַהֵיים, דִי קִינְדֶער ווִילְן דִיר זֶען"**, אַנְשְׁטָאט טוּן וָואס אִיז וִויכְטִיג, זַיין אַבִּיסְל אִינְדֶערְהֵיים מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, לוֹיפְט עֶר צוּ זַיינֶע חֲבֵרִים; בַּאלְד וֶועסְטוּ גֶעוואוֹר וֶוערְן אַז דֶער 'בֶּעסְטֶער חַבֶר' הָאט דִיר צוּגֶענוּמֶען דַיין גֶעלְט אוּן אַרוֹיס גֶעטְרָאגְן פוּן דַיין בִּיזְנֶעס, וַוייל חֲבֵרִים טוֹישְׁן זִיךְ אַזוֹי שְׁנֶעל וִוי וֶועשׁ... דֶעמָאלְט וֶועקְט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף פוּן שְׁלָאף, 'אֵיין מִינוּט, עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער', אָבֶּער יֶעצְט אִיז שׁוֹין זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג, וֶוען דֶער גִבּוֹר אִיז

שוין דָא, דֶער שְׁוֶוערְד איז שוין דָא און דֶער מֶענְטְשׁ איז שוין גְרֵייט צוּ הֶערְן וָואס מֶען זָאגְט אִים - וָואס קֶען מֶען אִים יֶעצְט הֶעלְפְן?

אַ אִינְגֶערְמַאן איז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר וֵויינֶענְדִיג: **"דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיר הֶעלְפְן? אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אַ טָעוּת, אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט שֵׁיין צוּ מַיין ווייבּ, אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעשְׁלָאגְן, אָבֶּער נָאר אַבִּיסְל, נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק ווי זִי לֵייגְט עֶס אַרָאפּ... און זִי אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען"**, וָואס קֶען אִיךְ דִיר יֶעצְט הֶעלְפְן? אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אִיר הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט! וֶוען דֶער גִבּוֹר אִיז שוין דָא אִיז שוין זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּרִיק צוּ דְרֵייעֶן, דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז מֶען זָאל נִישְׁט וַוארְטְן דֶער גִבּוֹר זָאל קוּמֶען, לָאמִיר שוין גֵיין צוּם בַּעַל תְּפִלָּה, פָּאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע קַשְׁיָא אוֹיף אַ אִינְגֶערְמַאן: **"פַארְוָואס בִּיסְטוּ בַּיינַאכְט אִינְדְרוֹיסְן?!"** מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן אֵיינֶעם וָואס הָאט שוין חֲתוּנָה גֶעהַאט און זִיךְ נֶעבֶּעךְ גֶע'גֶט, עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ נִישְׁט וואוּ צוּ גֵיין, וואוּ זָאל עֶר גֵיין בַּיינַאכְט? זִיצְט עֶר און הַאלְט דְרָשׁוֹת בִּיז פַארְטָאגְס, יֶעדֶע בָּחוּר וָואס עֶר טְרֶעפְט גֶעבְּט עֶר לַאנְגֶע דְרָשׁוֹת... אָבֶּער דוּ בִּיסְט דָאךְ חֲתוּנָה גֶעהַאט, הָאסְט אַ וַוייבּ, גֵיי אַהֵיים, פַארְוָואס בִּיסְטוּ אִינְדְרוֹיסְן?

אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט אִין אַ בָּאבְּל פוּן חֲבֵרִים; גֵיי אַהֵיים, שְׁמוּעֶס אִינְדֶערְהֵיים, הֶער אוֹיס אִינְדֶערְהֵיים, רֶעד מִיט דַיין וַוייבּ און קִינְדֶער.

### עֶפְּל סָאוּס

בָּרוּךְ ה' אַז מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, מִיר זֶענֶען דָא אִין 'הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ', לָאמִיר נֶעמֶען דֶעם רֶבִּי'נְ'ס סְפָרִים, לָאמִיר זִיךְ מַאכְן שִׁיעוּרִים אִין רֶבִּי'נְ'ס סְפָרִים. מוֹהֲרַא"שׁ הָאט גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּי'נְ'ס סְפָרִים און אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט אַז יֶעדֶער אֵיינֶער אָן אוֹיסְנַאם, אֲפִילוּ קִינְדֶער און בָּחוּרִים, זָאלְן קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן. אָבֶּער אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט קַיין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט קַיין סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, וָואס מֵיינֶען דִי וֶוערְטֶער: **"לוּשְׁמִיר"**, **"סֵיידִין"**, **"וַוארְטִיס"**, **"מֶעלְדִיוָוען"**... זָאלְסְטוּ נֶעמֶען אַן 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל' וֶועסְט אַלֶעס פַארְשְׁטֵיין.

אִין בְּרֶעסְלֶב הָאט מֶען גֶעזָאגְט אוֹיף מוֹהֲרַא"שׁ אַז זַיינֶע סְפָרִים זֶענֶען נַייעֶ זַאכְן, עֶס אִיז נִישְׁט 'דֶעם רֶבִּי'נְ'ס זַאךְ'... וָואס הָאט מוֹהֲרַא"שׁ גֶעטוּן? מוֹהֲרַא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן עֶר הָאט גֶענוּמֶען דֶעם לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן און דֶעם לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת און עֶס גֶעמַאכְט ווי "עֶפְּל סָאוּס", אַז מֶען זָאל זִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט דַארְפְן אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אַרַיינְצוּבֵייסְן אִינֶעם הַארְטְן עֶפְּל, נָאר מֶען זָאל עֶס קֶענֶען גָאר גְרִינְג עֶסְן, אָן דַארְפְן צוּקַייעֶן, מוֹהֲרַא"שׁ הָאט גֶענוּמֶען דִי שְׁוֶוערֶע תּוֹרוֹת פוּן לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן און לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, וָואס אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט 'בְּחִינוֹת בְּחִינוֹת', 'כַּנַ"ל כַּנַ"ל', עֶר הָאט עֶס צֶעדְרִיקְט און צֶערִיבְּן און גֶעמַאכְט פוּן דֶעם סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים און בְּרִיוָון, אַז מִיר פְּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט קַיין טִיפֶע תּוֹרוֹת זָאלְן זִיךְ אוֹיךְ קֶענֶען מְחַזֵק זַיין דֶערְמִיט.

### מְחַיֶה זַיין מִיט אִידִישְׁקֵייט

וֶוען מֶען עֶפְנְט דִי סְפָרִים הֵייבְּט מֶען אָן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ, מַיין שַׁבָּת אִיז חָשׁוּב, מַיין תְּפִילִין אִיז חָשׁוּב, מַיין בָּארְד און פֵּיאוֹת זֶענֶען חָשׁוּב, מַיין מְזוּזָה אִיז חָשׁוּב, מַיין עֶסְן כָּשֵׁר'ס אִיז חָשׁוּב; מֶען הֵייבְּט זִיךְ אָן מְחַיֶה זַיין מִיט אִידִישְׁקֵייט.

עֶס קֶען זִיךְ אֵיינֶעם דַאכְטְן 'דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט אַזוֹי פוּן חִיזוּק אוֹיף שְׁמִירַת שַׁבָּת, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט נִישְׁט גֶעהִיטְן קַיין שַׁבָּת?' גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ קוּם פוּן אַ חָשׁוּבֶ'עֶ מִשְׁפָּחָה, בָּרוּךְ ה' אִיךְ הָאבּ אֵייבִּיג גֶעהִיטְן שַׁבָּת; אָבֶּער זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט שַׁבָּת, זִיךְ מְחַיֶה זַיין **"אָה, אִיךְ הִיט שַׁבָּת!"** דָאס שֶׁעם אִיךְ זִיךְ צוּ זָאגְן, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ דַיָּן און גֶע'פַּסְקְ'עֶט שְׁאֵלוֹת, אָבֶּער זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט אִידִישְׁקֵייט - דָאס הָאט מוֹהֲרַא"שׁ מִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען.

אַסַאךְ מָאל טְרֶעף אִיךְ זִיךְ מִיט מִשְׁפָּחָה און זֵיי פְרֶעגְן מִיר: "וָואס הָאסְטוּ גֶעטְרָאפְן אִין בְּרֶסְלֶב?" אַז אִיךְ זָאג: **"אִיךְ פְרֵיי זִיךְ הַיינְט מִיט שַׁבָּת, בָּרוּךְ ה' אִיךְ הִיט שַׁבָּת, בָּרוּךְ ה' אִיךְ רֵייכֶער נִישְׁט שַׁבָּת, בָּרוּךְ ה' אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין קַאר שַׁבָּת, בָּרוּךְ ה' אִיךְ נִיץ נִישְׁט מַיין טֶעלֶעפָאוֹן שַׁבָּת, בָּרוּךְ ה' אִיךְ בִּין אַ אִיד"**, קוּקְט מֶען מִיר אָן ווי אַרָאפּ פוּן דִי לְבָנָה... **"וָואס 'הִיטְן שַׁבָּת', יֶעדֶער הִיט שַׁבָּת?!"** אִיךְ קֶען זֵיי דָאס אָבֶּער נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין, וָואס פַאר אַ גֶעשְׁמַאק דִי גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט בַּאקוּמְט בַּיים רֶבִּי'ן.

מוֹהֲרַא"שׁ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן, אֵיידֶער דֶער הֵיילִיגֶער גְרַ"א זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן, הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים גֶעזֶען ווי עֶר כַאפְּט אָן דִי פֶעדֶעמֶער פוּן זַיין צִיצִית און וֵויינְט, הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים אִים גֶעפְרֶעגְט: **"פַארְוָואס וֵויינְט דֶער רֶבִּי?"** (דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעזָאגְט: אַ צַדִיק וָואס אַ גַאנְץ לֶעבְּן אִיז עֶר נָאר עוֹסֵק אִין לֶערְנֶען און דַאוֶוענֶען הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן שְׁטַארְבְּן, עֶר וֵויינְט נִישְׁט סְתָּם אַז עֶר גֵייט שְׁטַארְבְּן), הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"אִיךְ וֵויין צוּלִיבּ דִי מִצְוָה פוּן**

**צִיצִית, וָואס קָאסְט אִינְגַאנְצְן אַפָּאר פְּרוּטוֹת אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה דוּרְכְדֶעם צוּ זֶען דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן, אוּן יֶעצְט וֶועט מֶען דָאס אַוֶועק נֶעמֶען פוּן מִיר"**, זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי אַזוֹי צַדִּיקִים הָאבְּן זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶּה גֶעוֶוען מִיט דִי פָּשׁוּט'עֶ מִצְוֹת וָואס מֶען טוּט יֶעדְן טָאג.

[הַיינְט אִיז שׁוֹין צִיצִית אַ טַייעֶרע זַאךְ, אַמָאל פְּלֶעגְט מֶען קוֹיפְן אַבִּיסֶל וָואל, עֶס אָפּוַואשְׁן, אוֹיסְקֶעמֶען אוּן מַאכְן דֶערְפוּן פֶעדֶעמֶער, הָאט עֶס כִּמְעַט גָארְנִישְׁט גֶעקָאסְט. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט אוֹיךְ דֶערְמָאנְט אַז עֶס אִיז דָא אִין דֶעם מִנְהָגִים צִי מֶען מֶעג לָאזְן דִי צִיצִית אוֹיפ'ן טַלִּית פוּן אַ נִפְטָר, אָדֶער מֶען דַארְף עֶס פָּסוּל מַאכְן, בְּפַשְׁטוּת אִיז דִי הֲלָכָה אַז מֶען מַאכְט עֶס יָא פָּסוּל (עַיֵּין יוֹרֶה דֵעָה סִימָן שנא, סְעִיף ב)].

דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אַרַיין אַ חִיּוּת אִין יֶעדֶע מִצְוָה, אֲפִילוּ דִי מִצְוֹת וָואס קוּקְן אוֹיס צוּ זַיין פָּשׁוּט; נֶעם דַיינֶע צִיצִית קוּשׁ עֶס, זַיי זִיךְ מְחַיֶּה דֶערְמִיט; זַיי זִיךְ מְחַיֶּה מִיט דַיין פֵּיאוֹת, טְרַאכְט נִישְׁט 'וָואס אִיז דֶען וֶוערְד מַיין פֵּיאוֹת...' וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן יז) אֲפִילוּ אַ נִידְרִיגֶער מֶענְטְשׁ הָאט דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער מוֹרָא'דִיגֶע נַחַת פוּן זַיין פֵּיאוֹת, דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער פְרֵייְדְט זִיךְ מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט.

### מְקַיֵּים זַיין דֶעם 'הַמִּתְאַבֵּל'

מִיר שְׁטֵייֶען יֶעצְט פַאר תִּשְׁעָה בְּאָב, דֶערְמַאן אִיךְ זִיךְ מַיין תִּשְׁעָה בְּאָב פַאר אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ, עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאךְ, אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט קֵיין צַדִּיק וָואס זָאל מִיר אָפְּלֶערְנֶען פְּשַׁט אִין דֶעם מַאֲמַר חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (תַּעֲנִית ל:): "**כָּל הַמִּתְאַבֵּל עַל יְרוּשָׁלַיִם זוֹכֶה וְרוֹאֶה בְּשִׂמְחָתָהּ, וְשֶׁאֵינוֹ מִתְאַבֵּל עַל יְרוּשָׁלַיִם אֵינוֹ רוֹאֶה בְּשִׂמְחָתָהּ**", אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרוּמְגֶעקוּקְט וִוי דֶער וַויינְט אוּן יֶענֶער וַויינְט, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ פְּרוּבִּירְט צוּ וַויינֶען, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט: "**וָואס קֶען אִיךְ טוּן צוּ מְקַיֵּים זַיין דֶעם 'הַמִּתְאַבֵּל' טוּן דִי רִיכְטִיגֶע אֲבֵלוּת?**" בִּיז אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט, מִתְאַבֵּל זַיין מֵיינְט פָּשׁוּט פָאלְגְן דִי הֲלָכוֹת פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, פַאסְטְן, אוֹיסְטוּן דִי שִׁיךְ, זִיךְ נִישְׁט אַרוּמְוַואשְׁן וְכוּ', וֶוער עֶס הַאלְט אַיין דִי הֲלָכוֹת וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען דִי שִׂמְחָה וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען.

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען צֶען יָאר הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ חָבֵר אִין חֵדֶר, הָאט עֶר מִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ מַאכְן סִגּוּפִים, אַז מֶען לֵייגְט אַרַיין קְלֵיינֶע שְׁטֵיינְדְלֶעךְ אִין דִי שִׁיךְ, אוֹיךְ הָאט עֶר מִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ מַאכְן וואוּנְדְן, אַז מֶען רַייבְּט אַסַאךְ אוֹיף דִי הוֹיט בִּיז עֶס וֶוערְט זֵייעֶר הֵייס, מֶען רַייבְּט אוּן רַייבְּט בִּיז עֶס וֶוערְט אַ וואוּנְד... דָאס אִיז זֵייעֶר וֵוייטָאגְלִיכֶע יִסּוּרִים.

### עַצְבוּת קוּמְט פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא

נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אַ וָוארְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי פִּנְחָסְ'ל קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ "אַז אַ לַאךְ אוּם תִּשְׁעָה בְּאָב אִיז סַכָּנוֹת נְפָשׁוֹת"; אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז יֶעדֶער חָסִידִ'ישֶׁער בָּחוּר הָאט שׁוֹין גֶעהֶערְט דֶערְפוּן, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אָבֶּער צוּגֶעלֵייגְט צוּ דֶעם: "**אֵיין רֶגַע עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה אִיז סִטְרָא אַחֲרָא, דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס פַיינְט** (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב, סִימָן מח)", אוֹיבּ מֶען זֶעצְט זִיךְ אַוֶועק תִּשְׁעָה בְּאָב טְרוֹיעֶרְן מִיט עַצְבוּת אִיז עֶס גָארְנִישְׁט וֶוערְד.

אֲפִילוּ מֶען רֶעדְט אַזוֹיפִיל פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, פוּן זִיךְ אוֹיסְוַויינֶען צוּם אייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דָאס נָאר אוֹיבּ מֶען וַויינְט פוּן שִׂמְחָה, אִיךְ הָאבּ לִיבּ דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ גְלֵייבּ אִינֶעם אייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִיךְ וֵויין אַז עֶס טוּט מִיר וֵויי, אָבֶּער אוֹיבּ וַויינְט מֶען פוּן עַצְבוּת אִיז עֶס סִטְרָא אַחֲרָא.

הַיינְט אִיז גֶעוָוארְן אַ מִנְהָג מֶען רוּפְט אַ בַּדְחָן צוּ חֲתוּנוֹת, עֶר פִירְט אַרַיין דֶעם עוֹלָם אִין אַ מָשָׁל פוּן אַ קֶענִיג וָואס הָאט פַארְטְרִיבְּן זַיין אֵיינְצִיג קִינְד... מֶען שְׁפִּירְט וִוי עֶס וֶוערְט עֶק וֶועלְט, דִי גַאנְצֶע זַאל הֵייבְּט אָן וַויינֶען, פְרוֹיעֶן, מֶענֶער, חָתָן אוּן כַּלָּה; דָאס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט קְדוּשָׁה, דָאס אִיז עַצְבוּת וָואס קוּמְט פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא, אוּן דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס פַיינְט.

וֶוען מֶען זֶעצְט זִיךְ אַוֶועק תִּשְׁעָה בְּאָב אוֹיף דֶער עֶרְד זָאגְן דִי קִינוֹת, דַארְף עֶס צוּגֵיין אָן קֵיין עַצְבוּת, אִיךְ גְלֵייבּ אַז דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר לִיבּ, אוּן דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט מִיר אוֹיסְלֵייזְן, נָאר אִיךְ וֵויין וַוייל עֶס טוּט מִיר וֵויי דִי מַצָּב וִוי אַזוֹי אִיךְ אוּן אַלֶע אִידְן זֶעעֶן אוֹיס, אָבֶּער עֶס נִישְׁט מִיט קֵיין עַצְבוּת חַס וְשָׁלוֹם.

### חֵלֶק אִין הַפָּצָה

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטְ"א הָאט גֶעזָאגְט: מֶען זֶעט אִין דִי מַעֲשֶׂה וִוי דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט זִיךְ אַזוֹי מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען צוּ בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם תַּכְלִית, אָפְּלָאזְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן אוּן רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אייבֶּערְשְׁטְן. דָאס אִיז וָואס דֶער רֶבִּי ווִיל אַז מִיר זָאלְן אוֹיךְ עוֹסֵק זַיין, שְׁטֶענְדִיג אַרוּמְגֵיין מִיט מַחְשָׁבוֹת 'וִוי קֶען אִיךְ בְּרֶענְגֶען נָאךְ אַ אִיד צוּם אייבֶּערְשְׁטְן'; עֶס

אִיז דָא בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס ווִילְן גֵיין הַפָּצָה אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין קַאר, אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ זִיךְ אָנְצוּטְרָאגְן צוּ הֶעלְפְן דִי מֵפִיצִים, זֵיי טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען, זֵיי זָאלְן קֶענֶען רוּאִיגֶערְהֵייט פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס דִיבּוּרִים אִין דִי וֶועלְט.

עֶס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע בּוּשָׁה פַאר אַ 'תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ' אַז עֶר בַּאגְנוּגְנְט זִיךְ בְּלוֹיז מִיט דֶעם אַז עֶר הַאלְט אַ בֶּעג אִין זַיין קַאר **'וֶוען עֶר וֶועט גֵיין הַפָּצָה זָאל עֶר הָאבְּן מִיט וָואס צוּ גֵיין'**... אַז דוּ גֵייסְט נִישְׁט הַפָּצָה, דְרֵייוו כָּאטְשׁ אַ מֵפִיץ וָואס גֵייט יָא הַפָּצָה!

יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דַארְף הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין הַפָּצָה, אָדֶער גֵיין אַלֵיינְס גֶעבְּן גִלְיוֹנוֹת, סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פַאר מֶענְטְשְׁן, אָדֶער דְרֵייוְון אַ מֵפִיץ, אָדֶער אִים בָּארְגְן אַ קַאר וְכַדוֹמֶה, אִין דֶעם זְכוּת פוּן וֶועלְן מִיר אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בַּיִת הַמִקְדָשׁ.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע וָוארְט פוּן הַמֵפִיץ הַגָדוֹל ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר זָאגְט אַז אַ מֵפִיץ אִיז אַזוֹי וִוי דִי אַמֶערִיקַאנֶער רֶעגִירוּנְג; דִי אַמֶערִיקַאנֶע רֶעגִירוּנְג שְׁטֶעלְט זִיךְ אַוֶועק אַלְס אַ רַחֲמָנוּתְ'דִיגֶע לַאנְד, וֶוען זֵיי הֶערְן פוּן אַ טְרָאגֶעדִיעֶ אִין אַן אַנְדֶערֶע לֶענְדֶער, בְּרֶענְגֶען זֵיי בַּאלְד אַהִין אַלֶעס וָואס פֶעלְט אוֹיס פַאר זֵיי, וִוי מֶעדֶעצִינֶען, קְלֵיידֶער, אוּן פֶּעקְלֶעךְ עֶסְן; אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ יֶענֶע לַאנְד זֶענֶען זֵייעֶרֶע פַיינְט, אוּן זֵיי קֶענֶען נִישְׁט דָארְט אַרַיין קוּמֶען וַוייל מֶען וֶועט זֵיי דֶערְשִׁיסְן צוּם טוֹיט, וֶוערְן זֵיי נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְט, נָאר זֵיי טְרֶעפְן אוֹיס פוּן אוּנְטֶער דֶער עֶרְד עֵצוֹת וִוי אַזוֹי אָנְצוּקוּמֶען צוּ זֵיי, זֵיי פְלִיעֶן אַהִין מִיט מִילִיטֶערִישֶׁע עֶרָאפְּלַאנֶען אוּן וַוארְפְן אַרָאפּ אַלֶע זֵייעֶרֶע גֶעבְּרוֹיכְן, - דָאס טוּעֶן דִי מֵפִיצִים; זֵיי וֶוערְן נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען אֵיינֶער שְׁרֵייט אוֹיף זֵיי **"גֵיי אַרוֹיס"**, **"קוּם נִישְׁט אַרַיין"** וְכוּ', נָאר אַז מֶען לָאזְט נִישְׁט אַרַיין אוֹיף דִי גֶעהֶערִיגֶע וֶועג, גֵייט מֶען אַהִין מִיט דִי עֶרָאפְּלַאנֶען אוּן מֶען וַוארְפְט אַרַיין דִי הֵיילִיגֶע רֶעטוּנְגְס מִיטְלֶען, מֶען וַוארְפְט אַרָאפּ גִלְיוֹנוֹת, קוּנְטְרֵסִים, עֶס דוּ קַארְדְס אוּן יוּ עֶס בִּי'ס.

### וואוּ אִיז דֶער עוֹלָם?

אֵיינֶער הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעדְרוּקְט אוּן פַארְשְׁפְּרֵייט פוּפְצִיג יָאר 'מִילְיָאנֶען סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים' וואוּ אִיז דֶער עוֹלָם וָואס זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ אִים? דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט נִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן אִין דִי סְפָרִים **"קוּם קַיין בְּרֶסְלֶב"**, **"קוּם צוּ מִיר"**, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט נִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן אִין דִי סְפָרִים עֶס זָאל וֶוערְן אַ חֲסִידוּת וואוּ מֶען שְׁטֵייט אוֹיף פַארֶענְטְשֶׁעס; אִין דִי סְפָרִים שְׁטֵייט אֵיין זַאךְ כְּלַל יִשְׂרָאֵל זָאל אָנְגֵיין, מֶענְטְשְׁן זָאלְן וַוייטֶער לֵייגְן תְּפִילִין אוּן הִיטְן שַׁבָּת אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אִין דִי קוּנְטְרֵסִים שְׁטֵייט: **"גֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"**, **"גְלֵייבּ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן"**, **"רֶעד שֵׁיין אִינְדֶערְהֵיים"**, "זֵיי מְחַנֵךְ דַיינֶע קִינְדֶער". הַיינְט אִיז שׁוֹין דָא 'הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ' בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אָבֶּער וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעלֶעבְּט אִיז אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהַאט אֵיין קְלֵיינֶע אוֹיסְגֶעשְׁפִּילְטֶע מִנְיָן אִין בָּארָא פַּארְק, אוּן גֶעזִיצְן אוּן גֶעשְׁרִיבְּן סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים, עֶר הָאט עֶס פַארְשְׁפְּרֵייט אִין דִי מִילְיָאנֶען אַ יָאר! אָבֶּער דָאס אַז אַ אִידִישְׁקֵייט גֵייט אָן - דָאס אִיז 'דֶער עוֹלָם'.

עֶס זֶענֶען דָא צַדִיקִים וָואס זֶענֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן סְפָרִים פוּן אֱמוּנָה אוּן הִתְחַזְקוּת, קוּמְט אַ מֶענְטְשׁ אִין שׁוּל אוּן טְרֶעפְט אַ גִלְיוֹן, עֶר לֵיינְט עֶס, עֶס גֵייט אַרַיין אִין אִים שְׁטִיקֶער אֱמוּנָה, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט וַוייטֶער צוּ זַיין אַדְמוֹ"ר, צוּ זַיין חֲסִידוּת... עֶר כַּאפְּט אַלֵיינְס נִישְׁט אַז עֶר הָאט דָא בַּאקוּמֶען אֱמוּנָה, עֶר הָאט דָא גֶעזֶען אַ בְּרִיוו אַז אִינְדֶערְהֵיים דַארְף מֶען רֶעדְן שֵׁיין, אֲפִילוּ וֶוען דִי מִנְהָגִים - דִי קְרוֹיט, דִי קְרֶעפְּלֶעךְ - זֶענֶען נִישְׁט גְרֵייט...

דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוֹיס אַז מֶען קֶען נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אִינְדֶערְהֵיים, אֲפִילוּ דִי וַוייבּ בְּלָאזְט אַ גַאנְצֶע וָואךְ אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שַׁבָּתְ'דִיגֶע סְעוּדָה, קוּמְט מֶען אַהֵיים, אוּן מֶען אִיז מְקַיֵים שִׁיטַת רֶבִּי עֲקִיבָא (עַיֵין פְּסָחִים קיב.) מֶען נֶעמְט חָמֵצְ'דִיגֶע מַצָה מִיט סַארְדִינְס, אוּן אוֹיבּ פֶעלְט אוֹיס לֵייגְט מֶען אוֹיךְ צוּ אַ מֵייעֶר פוּן אוֹיבְן... מֶען מַאכְט אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה אוּן מֶען בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער.

אַז מִיר וֶועלְן פָאלְגְן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה - דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע זִיסֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן: **"שַׁבָּת קָדְשֵׁנוּ, מַחְמַד עֵינֵינוּ, מֵאִיר עֵינֵינוּ, בִּזְכוּת רַבֵּנוּ. אַשְׁרֵינוּ אַשְׁרֵינוּ, מַה טוֹב חֶלְקֵנוּ, שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ"**.

(אַזוֹי וִוי מוֹצָאֵי שַׁבָּת אִיז גֶעוֶוען תִּשְׁעָה בְּאָב, הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיסְגֶערוּפְן נָאכְ'ן שִׁיעוּר, אַז מֶען וֶועט דַאוְוענֶען מִנְחָה פְרִיעֶר, אוּן מֶען זָאל גֶעדֶענְקֶן נִישְׁט צוּ טוּן קַיין שׁוּם זַאךְ פוּן אֲבֵילוּת בִּיזְ'ן זְמַן רַבֵּינוּ תַּם, אוֹיסֶער עֶסְן - זָאל מֶען שׁוֹין נִישְׁט פוּן דֶער שְׁקִיעָה).